# גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

## 119

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישׂראל
תּל־אָבֿיבֿ 1986

ק. צעטניק / תּל־אָבֿיבֿ

# אויף די אייגענע אָרעמס

## (דערציילונג)

### א

די שטוב פֿאַר אורחים איז געווען אין אַ נעפּל פֿון פּאַפּיראָסן־רויך. אייניקלעך האָבן זיך דאָ פֿאַרזאַמלט קרובֿים און משפּחה. אין דרויסן איז דאָס אַראַבישע דאָרף געווען אײַנגעוויגט אין אַ שטילער פֿינצטערקייט. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אין דרויסן געפֿײַערט אַ גרויסע חאַפֿליע, יידן און אַראַבער, אַפֿילו דער ראַבײַ פֿון אַמעריקע מיט זײַן טוריסטן־גרופּע זענען געוואָרן מיטגעריסן אינעם טאַנץ. גלילה האָט זיי פֿאַרבעטן צו דער שימחה בײַם צוטיילן אַ לערן־סטיפּענדיע פֿאַר אַ מיידל פֿון אַן אַראַביש דאָרף. מע האָט געהוליעט, געטאַנצט און געזונגען: הבאנו שלום עליכם...

איצט האָבן זיך פֿאַרזאַמלט קרובֿים און משפּחה, אַ סך פֿון זיי זענען געקומען אויסדריקן דאַנקבאַרקייט צו גלילה און איר מאַן, האַרי, אַנדערע זענען געקומען זיך געזעגענען מיט זייער זשומאַנאַ, דאָס סטיפּענדירטע מיידל.

— איך בין גליקלעך וואָס איר בלײַבט נעכטיקן בײַ אונדז — זאָגט זשומאַנאַ צו גלילה און האַרי. — מאָרגן, קאַיִר, וועלן זיי צוזאַמען אַרויס אין וועג קיין נצרת. פֿעטער דערוויש, זשומאַנאַס אַפּוטרופּס נאָכן טראַגישן טויט פֿון אירע עלטערן, וועט זי באַגלייטן צום לערן־אַנשטאַלט אין נצרת. גלילה וועט דאַרפֿן דאָרטן דערליידיקן די פֿינאַנציעלע ענינים.

— זע, סאַראַ האַרציקע נאָבלקייט אינעם פּנים פֿון אָט דעם מיידל — לאָזט גלילה פֿאַלן אין האַריס זײַט.

אין דרויסן האָט די נאַכט־פֿינצטערניש אויסגעליידיקט דעם ברייטן דאָרפֿפּלאַץ פֿון אַלץ וואָס האָט דאָרטן נאָר־וואָס אַזוי געררוישט און געפֿילדערט. ווי גלײַך די אַוועקגעפֿאָרענע געסט האָבן מיט זיך מיטגענומען די שטורמישע פֿריילעכקייט וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט. אויך די ווײַבער זענען אַוועק אין די שטיבער און מיטגענומען מיט זיך די לוקס־לעמפּ, וואָס האָבן דאָ יום־טובֿדיק געלויכטן אַרום פּלאַץ. איצט האָט דאָס דאָרף זיך צוריק אײַנגעהילט אין זײַן נאָרמאַלן אײַנהיל. בלויז אין הויז וווּ גלילה און האַרי זענען געוואָרן פֿאַרבעטן צו נעכטיקן, האָט זיך געהערט פֿון קיך דאָס שטויסן קאַווע אין אַראַבישן מערזשער, אַ שטויסן ווי מוזיק, צום טאַקט; מע גרייט דאָרטן צו כּיבוד פֿאַר די חשובֿע געסט.

אַזוי האָט עס אויך תּחילת אויסגעזען. ביז דער סיפּור־המעשׂה אין מויל פֿון דער אַלטישטקער מוטער האָט זיך פּלוצלינג פֿאַרהאַקט אין מיטן, כּדי צו מאַכן פּלאַץ אין איר קעל פֿאַר דעם אַדורכגאַנג פֿון טרערן, וואָס גייען אין איר אַרויף פֿון ערגעץ טיף, שווער און שטום, ווי אַ פֿאַנצערטאַנק אויף די ראָלנדיקע קייטן, און ווען זיי קומען אַרויס פֿון

די אויגן, לאָזן זיי זיך אַראָפּ צווישן די גרודעס און בייטן פֿון איר פּנים. ערשט דעמאָלט איז זי ממשיך דעם סיפּור־המעשׂה מיט דעם זעלביקן טאָן און טאַקט ווי פֿריִער, און ווידער סיפּור־המעשׂה און ווידער איבעררײַס.

שטיל. בלויז די מוזיק אין אַראַבישן קאַווע־מערזשער טראָגט זיך פֿון דער קיך.

דאָס איז געווען ווי אַן איבערגאַנג צו אַן אַנדער וועלטטייל, אַן אַנדער קלימאַט. דאָ האָבן זיך געעפֿנט טירן, הינטער וועלכע עס ליגן פֿאַרשפּאַרט באַהאַלטענע סודות, וואָס די שליסלען צו זיי ווערן איבערגעגעבן דורך די שבֿטים־עלטסטע פֿון דור צו דור.

ס'איז אַ פּלוצעמדיקער איבערגאַנג פֿון דער שטימונג וואָס האָט פֿריִער געהערשט אין דרויסן, אויפֿן ברייטן דאָרפֿפּלאַץ. און אפֿשר גאָרנישט פּלוצלינג און אומגעריכט, אפֿשר גאָר אַ לאָגישער סך־הכּל. ס'איז די געקייטלטקייט פֿון געשעענישן און אײנצײַטיק אַ באַווײַז פֿון צוטרוי צו גלילה און האַרי. ווײַל איצט האָט גערעדט די באַהאַלטענע משפּחה־ווונד. איצט האָט דער ווייטיק זיך אַרויסגעשיילט פֿון דער הויט וואָס פֿאַרדעקט אים אין גוף.

דער הײַנטיקער פֿײַערלעכער אָוונט אויפֿן דאָרפֿפּלאַץ, דווקא ער, האָט איצט צעשמאָלצן די אײַזערנע ריגלען וואָס פֿאַרשליסן די סמען אינעווייניק, און דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן אויסטיילן פֿון זיך די שעדלעכע סובסטאַנצן.

— יאָ, בינתי גלילה, אַמעריקע איז ווײַט? יאָ, ווײַט. קוק אין פֿענצטער. דאָרטן, אויף יענער זײַט בערגל, איז פֿאַראַן אַ דאָרף. אויך אַ סטעזשקע. איך בין אויף איר געגאַנגען אַהין, איך בין אויף איר געגאַנגען צוריק. פֿאַרשליס דײַנע אויגן, אַזוי ווי איך. און ווי איך, וועסטו זען דאָס דאָרף. עס איז נאָענט? אָבער אַ סך ווײַטער ווי אַמעריקע. איך האָב געזען אײַער ראַבײַ פֿון אַמעריקע, זאָל אַללאַ אים געבן לאַנג לעבן, נאָר מײַן זון וואָס איז דאָרטן אין דעם דאָרף, קאָן איך נישט זען. צוואַנציק יאָר האָב איך אים נישט געזען, מײַן זון. איך בין אַלט. איך וועל שטאַרבן און נישט זען מײַן זון.

פֿון אַ ווינקל שטוב האָט געקוקט צו האַרין דאָס בולטע אויג פֿון דער טעלעוויזיע, בלייך און פֿאַרלאָשן. אין ישׂראל איז נאָך נישט פֿאַראַן טעלעוויזיע, אָבער אין די אַראַבישע דערפֿער קאָנסטו על־פּי־רובֿ זען די טעלעוויזיעס אָנגעשטעלט צו די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער. ווען ער איז אַרײַנגעקומען, האָט האַרי געעפֿנט די טעלעוויזיע, און באַלד האָבן דאָ פֿאַרבײַמאַרשירט מיליטעריש־באַוואָפֿנטע גרופּעס, באַשטיוולטע, די פֿיס הויך געהויבן צום מאַרשטאַקט, זייער בליק אין די אויגן גלײַך צו דיר: „מיר קומען צוריק!" און באַלד דאָס פֿולע פּנים פֿון נאַצער צווישן די מיקראָפֿאָנען. און באַלד אַ ים פֿון קעפּ, צעפֿלאַמטע קולות פֿון אויפֿגעריסענע מײַלער: „איטבאח אַל יאַהוד!"

דאָס איז געווען אַן אויפֿטרייסלענדיקער איבערגאַנג, ווי אַן אַכזריותדיקע פֿויסט וואָלט דיך אָנגעכאַפּט און אַריבערגעוואָרפֿן פֿון דער שטימונג אָנהייב אָוונט אין דרויסן, אויפֿן דאָרפֿפּלאַץ, צו דער שטימונג וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פֿון די טיפֿענישן דאָ, אין דעם אינעווייניק פֿון דער אַראַבישער שטוב, און ווײַל די אַנטפּלעקונג איז געשטאַנען אַזוי קלאָר פֿאַר די אויגן, איז פֿאַרשוווּנדן די פּלוצעמדיקייט פֿון דעם שינוי. ס'האָבן זיך אָפּגעווישט די גרענעצן. ביסט אַרײַן אין דעם הערשנדיקן קלימאַט, ביסט אין אים. פֿון ערגעץ טיף, שיכטן אונטער שיכטן, האָבן פֿאַרהוילענע וועגן געפֿירט פֿון דער איבערלעבונג אין דרויסן, פֿריִער, צו די געעפֿנטע ווונדן, איצט.

אַ סך פֿון די אַרומזיצנדיקע האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, בשעת פּעטער דערוויש האָט גערעדט, באַזונדערש דער יונגער דור. זיי האָבן זיך נישט געפֿילט באַקוועם וואָס

די רייד. בעסער אַזעלכע זאַכן זאָלן בלײַבן אין אין זייער בײַזײַן ווערן אַרויסגעבראַכט צו קאָנען שווימען מיטן שטראָם פֿון נײַעם לעבן. דער פֿאַרהווילנקייט, כּדי סוף־כּל־סוף צו קאָנען שווימען מיטן שטראָם פֿון נײַעם לעבן. די בושה איז קענטיק אויף זייער פּנים, ווי גלײַך דער פֿעטער דערוויש שטעלט אַרויס דעם שאַנדפֿלעק פֿון דער משפּחה אין רשות־הרבים. אָבער אַפֿוועגנדן די רייד וואָלט געווען אַ חילול־הקודש, ווײַל וועגן זײַן פֿלייש און בלוט רעדט איצט דער פֿעטער דערוויש, וועגן זײַן פֿאָטער, וועגן זײַן לײַבלעכן ברודער.

— ווי אַלט בין איך דעמאָלט געווען, מאַמע? — פֿרעגט דערוויש, און די אַלטיטשקע מיט אויגן צו דער פֿינצטערניש פֿון פֿענצטער ענטפֿערט:

— אפֿשר אַכט יאָר ביסטו געווען, מײַן זון.

— דער טאַטע האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפֿן שטרוי אין שפּײַכלער: איך וועל נישט פֿאַרלאָזן מײַן הויז! געדענקסט, יאַמאַ?

דערבײַ האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון האַריס מויל:

— און פֿאַר וואָס בעצם זענען זיי אַלע אַנטלאָפֿן?

— אַוודאי האָט דאָס דאַרף דעמאָלט געקעמפֿט קעגן דעם יאַהוד, אָבער דער טאַטע איז געווען העכער אַכציק, בלויז אויסלייזגעלט צו קויפֿן אַ ביקס האָט ער געגעבן. און אפֿשר האָט ער מורא געהאַט: אויב די ייִדן וועלן זײַן די זיגערס, וועלן זיי שעכטן די זין זײַנע. ווען ער איז מיט אונדז אַריבער אויף דער צווייטער זײַט גרענעץ, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אויף צוריק, געקוקט מיט די אויגן אין דער ריכטונג פֿון זײַן הויז, זיך אַוועקגעלייגט אין מיטן וועג און געשטאָרבן. איך און אַטאַללאַ זענען געשטאַנען לעבן אונדזער טאַטנס טויטן גוף. אַטאַללאַ האָט נישט געוואָלט צוריקגיין אין דאָרף. נקמה־פֿײַער האָט געגליט אין זײַנע אויגן. אַפֿילו ווען קיינער אויף דער גאַנצער וועלט זאָל נישט שטיין אויף זײַן זײַט, וועל איך שטיין אויף זײַן זײַט. ווי אַלט איז דעמאָלט געווען אַטאַללאַ, יאַמאַ?

— אפֿשר צען יאָר אַלט, מײַן זון, — אירע אויגן, אין דער פֿינצטערקייט פֿון פֿענצטער.

און דו זעסט די גרענעץ וואָס ברענט אין רויען פֿלייש פֿון אַ לעבעדיקן גוף, דאָס האַרץ פֿון אַן אַלטיטשקער מאַמען שנײַדט דורך אַ גרענעץ און ווי אַן אייטערדיקע וווּנד טריפֿט ער זײַנע פֿאַרסמטע טראָפּנס אין וואָרצלען פֿון קומענדיקן דור. ייִדיש־אַראַבישע ברידערלעכקייט. דיאַלאָג. פֿרײַנדשאַפֿט און באַקאַנטשאַפֿט פּנים־אל־פּנים. בשותּפֿותדיקע צוזאַמענאַרבעט. וועגן וואָס נאָך האָט מען אַלץ נישט גערעדט הײַנטיקן אָוונט אין דרויסן, און וועגן וואָס אַלץ האָט מען נישט געזונגען און געטרוימט אין דרויסן? און אינעווייניק — אַ גרענעץ ווי אַ שווערד טיילט פֿונאַנדער און צעשיידט, ברענט און גליט, נישט צו פֿאַרלעשן. ווערט געהייצט דורך פֿרעמדע כּוחות, וואָס ווילן דאָס פֿײַער, נייטיקן זיך, ווײַזט אויס, אין די פֿלאַמען. וואָלט אויף יענער זײַט בערגל נישט געווען קיין גרענעץ, וואָלט דאָך אַטאַללאַ, דער ברודער פֿון דערוויש, געקאָנט איצט זיצן מיט אונדז.

די יונגע שווײַגן. זייערע הענט האַלטן די שעלעכלעך קאַווע און פּאַפּיראָסן שטעקן צווישן די פֿינגער. מע דאַרף זיך צוהערן בשעת משפּחה־עלטסטע רעדן, און אַוודאי בשעת דער בלוט־טריפֿנדיקער משפּחה־כּבֿוד לאָזט הערן זײַנע רייד.

פֿון ווינקל גלאָצט צו האַרין דאָס פֿאַרלאָשענע בלייכע בעלמעאויג פֿון דער טעלעוויזיע. די פֿריִערדיקע מויל־אויפֿגעריסענע געשרייען פֿון די המונים ווידערקולען

נאָך אין זײַנע אויערן. מיט פֿאַרמאַכטע אויגן קענסטו ווידער זען דעם סאָלדאַטישן מאַרש: „מיר קומען צוריק!...” פּלוצעם שווימט אין אים אַרויף די שאלה: אַטאַללאַ, דערווישעס ברודער, צי איז ער נישט פֿון די וואָס קומען צוריק אונטער נאַכט־פֿינצטערניש, כּדי צו מינירן די שאָסייען פֿון לאַנד מיט אויפֿרײַס־באָמבעס?

ער האָט געזײַטיקט אַ בליק צו גלילהן. אַ ווינקל פֿון איר אונטערשטער ליפּ איז אײַנגעביסן צווישן אירע ציין. אָט די מויל־באַוועגונג איז אים באַקאַנט. אַזוי תּמיד, ווען איר געהער איז קאָנצענטרירט צו שווערוואָגיקע רייד. איר פּנים איז איצט אָנגעשפּאַנט צו די ווערטער פֿון דערווישן, נאָר אויך אין אויטאָ, פֿאָרנדיק אַהער, האָט ער געזען די זעלביקע מויל־באַוועגונג, בשעת זי האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פֿון רעגירונגס־פֿאָרשטייער פֿון דער זיכערקייט־אָפּטיילונג: „צי קאָנען מיר זיך אַ רגע דערלויבן — האָט ער געזאָגט — צו פֿאַרהוילן אַן אויג פֿון אַזעלכע וואָס זענען מסוגל אויסצובאַהאַלטן די פֿאַרשפּרייטערס פֿון טויט אויף די לאַנד־שאָסייען?”

— זײַ מיר מוחל, דערוויש, — האָט האַרי פּלוצעם געזאָגט — מיט אַלע מײַנע געפֿילן שאַץ איך אָפּ דײַן אָפֿנהאַרציקייט צו אונדז. איך זע דאָס ווי אַ צייכן פֿון צוטרוי און כּבֿוד צו אונדז. איך האָב געהערט דײַנע ביטערע רייד וועגן דער באַציִונג פֿון ייִדן אין שטאָט צו די אַראַבישע אַרבעטער. ווער פֿון די וואָס געפֿינען זיך דאָ ווייס נישט וועגן די פּעולות וואָס ווערן געטאָן כּדי צו פֿאַרבעסערן דעם מצבֿ? דו גופֿא האָסט זיך דאָך באַקענט מיט גלילהן, בשעת זי האָט געבראַכט מלוכה־פֿאָרשטייערס צום נאַקעטן פֿעלד, זיי זאָלן זען ווי אין גאָסיקן רעגן נעכטיקן אַראַבישע אַרבעטער אונטער בלעכענע פּעסער, אויף אַ פֿעלד אין תּל־אָבֿיבֿ. די ענינים זענען באַקאַנט. אָבער דערלויב מיר מיט דער זעלביקער אָפֿנהאַרציקייט דיך צו פֿרעגן: אויב, למשל, דײַן ברודער אַטאַללאַ וואָלט זיך באַוויזן דאָ, בײַ דײַן טיר, אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט, מיט אַ פֿולן רוקזאַק אויפֿרײַס־מאַטעריאַל געלאָדן אויף זײַנע פּלייצעס, צי וואָלטסטו אים אויסבאַהאַלטן?

די שעלעכלעך קאַווע צווישן די פֿינגער האָבן לײַכט געציטערט. אַ געדיכטע שטילקייט איז געהאַנגען צווישן פֿרעגער און געפֿרעגטן, אפֿשר גאָר צווישן צוויי יסודות, און אפֿשר צווישן צוויי פֿעלקער. דאָס איז אַ שווײַגן וואָס קאָן זיך נישט ציִען. די שאלה איז געשטעלט געוואָרן און זי פֿאָדערט אַ קלאָרע תּשובֿה אין גײַסט פֿון דער קלאָרער קאַלטער שנײַדיקער שאלה. נישטאָ קיין אַנטרינען. די שאלה אין איר אימה הענגט נישט בלויז דאָ, אין דער איצטיקער רגע, זי הענגט אינעם חלל פֿון דעם אַדורכגעטיילטן, צעשניטענעם לײַב פֿון לאַנד.

— איך פֿאַרשטיי זייער גוט — ענטפֿערט דערוויש און אין זײַן קול, אַ געדריקטער צער — אָבער איך וועל דיך אַ סך בעסער פֿאַרשטיין, אויב דו וועסט מיר זאָגן, צי דו, אויף מײַן אָרט, בשעת דײַן לײַבלעכער ברודער, וואָס דו האָסט זיך פֿון אים צעשיידט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, לעבן דעם טויטן גוף פֿון דײַן פֿאָטער, וואָס ליגט אויף אַ זאַמדיקן ברענענדיקן שאָסיי, ווי דער פּגר פֿון אַ טויטן הונט, וואָלט פּלוצעם געשטאַנען בײַ נאַכט לעבן דײַן טיר, און אַ רוקזאַק מיט אויפֿרײַס־מאַטעריאַל אויף זײַן רוקן, צי וואָלטסטו אים איבערגעגעבן צו דער מאַכט?

זשומאַנאַ, דאָס סטיפּענדירטע מיידל, אַ שטום געבעט ליגט אויף איר פּנים. אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צו איר, ווי צו אַ רעטונגשיפֿל.

ס'איז דאָ מער נישט געווען קיין המשך צו רייד. ס'האָט אויך מער נישט געקאָנט זײַן. אַלץ איז קלאָר. תּהומיש קלאָר. דו דאַרפֿסט בלויז זיך איבערגעבן אין די הענט

פֿון דער בלינדער סטיכיע און זי וועט דיך טראָגן וואָהין זי וועט דיך טראָגן. אָט דאָס איז איצט די ווירקלעכקייט צו וועלכער דו דאַרפֿסט קוקן מיט אָפֿענע אויגן. ס'איז אַ ברענענדיקע ווּנד אין דער נשמה פֿון אַ דורכגעטיילטן מענטש אין אַ דורכגעטיילטן לאַנד. זיי וועלן שטראָמען אַלץ מער צו די ייִדיש־אַראַבישע „פֿרײַנדשאַפֿט־ברידערלעכע״ צוזאַמענטרעפֿן אין הויז פֿון גלילה. ס'וועלן זיך עפֿענען מער און מער אַזעלכע גלילה־הײַזער אין צפֿון און אין דרום פֿון לאַנד. מע וועט אײַנאָרדענען נאָך און נאָך אַזעלכע צוזאַמענטרעפֿן אין אַראַבישע דערפֿער, מע וועט טאַנצן, מע וועט זינגען לידער, מע וועט האַלטן רעדעס, מע וועט אויסטיילן סטיפּענדיעס, און אַן אַלטיטשקע מוטער וועט קוקן אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט צום דאָרף אויף יענער זײַט גרענעץ, און וואַרטן איר זון זאָל קומען צו איר איידער זי וועט שטאַרבן, אַפֿילו מיט אַ רוקזאַק אויפֿרײַס־מאַטעריאַל אויף זײַן רוקן.

ס'איז צײַט צוזוגרייטן די געלעגערס. מאָרגן, קאַיאָר, דאַרף מען זיך לאָזן אין וועג. איינציקווײַז האָבן געסט זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען. אין זייערע אויגן איז נאָך אַלץ געווען די אַנטשולדיקונג, מחמת כּשרות און מחמת דעם ראַבײַ פֿון אַמעריקע, אַלמאַי ס'איז נישט געווען מעגלעך צו שעכטן שעפּסן און צוגרייטן אַ חאַפֿליע ווי עס געהער פֿאַר די בכּבֿודיקע געסט. זיי האָבן מיט אונטערטעניקייט זיך געזעגנט. זייערע הענט — שוואַכלעך און שווייסיק. נישטאָ אין זייער מויל אַ וואָרט. ס'לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז אַרויסקומענדיק אין דרויסן, האָבן זיי סוף־כּל־סוף פֿרײַ אָפּגעאָטעמט.

ב

הינטער די פֿרימאָרגן־נעפּלען האָט דער מיזרח זיך אָנגעצונדן מיט אַ פּורפּורדיקן אַרויסגאָס, וואָס איז געפֿלאָסן ווי אַ טײַך. עס וועט נישט לאַנג געדויערן און אַ זון וועט פּלוצלינג אַרויס. גוט זי צו כאַפּן מיטן אויג אין אָט דער רגע — זאָגט זשומאַנאַ. נאָר נישטאָ איצט קיין צײַט. לויטן חשבון פֿון פֿעטער דערוויש, וועט ער נאָך באַווײַזן צו זײַן הײַנט בײַ דער אַרבעט אין תּל־אָבֿיבֿ. ממילא אַרבעט ער אויף „קבלנות״. אַפֿילו ער וועט אָנהייבן די אַרבעט עלף אַ זייגער, וועט ער נאָך באַווײַזן צו מאַכן זײַן טאָגשיכט.

פֿון זינט דערוויש האָט געקויפֿט דעם טענדער, קומט ער אין די אָוונטן צוריק אין דאָרף. ער דאַרף מער נישט שלאָפֿן ווי אַ שטשור אין תּל־אָבֿיבֿער דערנערפֿעלדער, און אויב אים פֿאַרגלוסט זיך אַפֿילו צו זען אַ פֿילם אין שטאָט, קאָן ער אַוועקשטעלן דעם טענדער ווּ עס לאָזט זיך. „איך שלאָף אין טענדער ווי אַ מלך״ — זאָגט ער. דער עיקר, אויב זיי וועלן איצט פֿאָרן מיט אַ ריכטיקן טעמפּאָ, דורכשנײַדן דעם וועג קיין נצרת מיט דעם זײַטנוועג צווישן די צוויי נאָענטע קיבוצים, וועלן זיי באַלד אַרויף אויפֿן הויפּטשאָסיי, גלאַטיק ווי אַ ליניע.

גלילה האָט אָנגעצונדן איר אויטאָ. נעכטן, בעתן שׂימחה־האַרמידער, האָט זי פֿאַרגעסן אַרויפֿצוציִען דעם אויטאָדאַך, און די זיצפּלעצער זענען געווען אַדורכגעווייקט פֿון טויפֿײַכטקייט.

דער טענדער האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט. זשומאַנאַ פֿאָכעט מיט דער האַנט צו גלילה און האַרי, וואָס פֿאָרן נאָכן טענדער. מיט איר אויפֿגעהויבענער האַנט, געזעגנט זי זיך פֿון איר היים, פֿון איר דאָרף. צי וועט זי צוריקקומען אַהער נאָך פֿיר יאָר? אַ נאָגנדיקע פֿאַטעטישקייט ליגט אין דער אויפֿגעהויבענער האַנט פֿון דעם מיידל. „שטענדיק האָב איך געחלומט צו זײַן אַ לערערין, איצט ווערט מײַן חלום מקוים...״ — האָט זי

געזאָגט אין איר דאַנקוואָרט נאָכן צוטיילן די סטיפּענדיע. וואָס וועט זשומאַנאַ לערנען נאָך פיר יאָר מיט די אַראַבישע קינדער? — האָט האַרי זיך געפרעגט אין האַרצן. נאָר ער האָט באַלד אַוועקגעשטופּט די געדאַנקען. איצט האָט ער נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם.

זיי זענען פאַרבײַגעפאָרן דעם רונדיקן דאָרפּלאַץ, די רייען טישן זענען נאָך געשטאַנען ווי נעכטן. אויף זיי, כלערליי געשיר, ליידיקע פלעשער, שורות בענק, דער טיש פאַר די רעדנערס; דער הילכער אויפן טיש ליגט שווײַגנדיק: — „מה טוב ומה נעים שבת אחים — —״

זיי זענען אַרויס פון דאָרף. ס'איז נאָך פאַר זונאויפגאַנג. מ'קאָן זען אין מיזרח דעם געראַנגל פון פרימאָרגן מיט די נאַכטנעפּלען, וואָס קומט פאַר אויף אַ פּורפּורנער פלאַך, צעפלאַמט רויט ווי בלוט.

— ס'וועט הײַנט זײַן אַ חמסין — האָט גלילה געזאָגט.

האַרי איז געווען צופרידן, וואָס ער געפינט זיך איצט לעבן איר. ס'קוקט אויס, אַז נישט אין אַ רויִקן שלאָף איז די נאַכט פאַרבײַ פאַר גלילה. ער האָט נישט געוואָלט פרעגן, כדי נישט אויפצוּוועקן די ענינים. ס'איז אַ נײַער טאָג, אַ וווּנדערלעכער פרימאָרגן. ווי איר שטייגער בשעתן פאָרן אין די וועגן, האָט האַרי דערוואַרט אַז גלילה זאָל אַרויס מיט אַ געזאַנג. ער האָט נישט געוואָלט זײַן צודרינגלעך.

זיי זענען געפאָרן מיטן שטויבוועג. פון דאַנען זאָל דער טענדער אַרויס אויפן וועג צווישן צוויי קיבוצים. פּעטער דערוויש קען די וועגן. זײַן טעלעוויזיע האָט ער געקויפט ווען ער האָט געאַרבעט לעבן אָט די מקומות. „געווען טעג פון שיינע פאַרדינסטן...״ — זאָגט ער. ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין תּל־אָבֿיבֿ, בײַם בויען דעם הילטאָן־האָטעל, קאָן מען פאַרדינען נאָך מער.

אַ פּאַסטאָראַלישע רויִקייט האָט זיך געשפּרייט איבער די פעלדער. אַ טל־געוואַשענער פרימאָרגן, שפּראָציק, יונג. ווען זי איז אין די וועגן, קאָן גלילה נישט אײַנזיצן בײַם שטײַערראָד אָן צו באַגלייטן די נסיעה מיט געזאַנג, מיט לידער אין אַלע אירע זיבן שפּראַכן.

דערצו האָט אויך געהאָלפן זשומאַנאַ, וואָס קאָן נישט אײַנזיצן רויִק אויף איר אָרט אין טענדער. איר פּנים איז אויסגעדרייט צו גלילהן.

— אַ זיס מיידעלע — זאָגט גלילה — מיר וועלן דאַרפן פון צײַט צו צײַט קומען איר מאַכן אַ וויזיט. קוק, האַרי, ווי גליקלעך עס שײַנט איר פּנים. מיר זינגען, האַ? אויב אַזוי, לאָמיר זינגען אויף אַראַביש, כדי אויך זשומאַנאַ זאָל זינגען מיט אונדז. מיר הייבן אָן: „זשיבנאַלקום סאַלאַם עליקום!״ — —

קאַקטוסקוסטן בײַ די זײַטן פון שמאָלן וועג האָבן דערלאַנגט אָנגעהויפטע אָרעמס מיט זאַפטיקע סאַברעס. אַ שאָד, נישטאָ קיין צײַט צו אָט דעם כיבוד. צײַט איז דער אַליינהערשער, דער געוועלטיקער, און מיר — ווי פּלעווע אויף איר שטראָם, שווימען אַנטקעגן אונדזער גורל. זשומאַנאַ, מיטן פּנים געווענדט צו גלילה און האַרין, זינגט מיטן פולן מויל און יונג־טעמפּעראַמענט. זי פּאַטשט מיט די הענט צום טאַקט. אַ זינגענדיקער פרימאָרגן. אין האַרץ ברויזט די פרייד פון אַ חלום וואָס ווערט מקוים, אַ שטייגער אַ פּאַספּאָרטער וועגצייכן שלאָגט דיר צוריק דאָס ליכט וואָס דו גופא האָסט אין אים אָנגעצונדן. אַפילו פון דער ווײַטנס איז אַ פרייד צו זען זשומאַנאַס שײַנענדיק פּנים. און אין אָט דעם אויגנבליק — — — דער טענדער גיט זיך אַ הייב פון דער ערד

אין דער לופֿט. דאָס אויג האָט בלויז באַוויזן צו טראַנסמיטירן אין
ברענפּונקט פֿון מוח דעם זשאָנגלירנדיקן סאַלטאָ־מאָרטאַלע פֿון טענדער
און ווערט צעריסן אין די הייכן.

און שוין. מער גאָרנישט.

פֿאַרלאָשנקייט. פֿאַרברענטער צעלולאָיד. פֿאַרלוירענע מאָס פֿון דער צײַט. פּלעווע
אַרויסגעוואָרפֿענע פֿון צײַטשטראָם.

אויפֿגעריסענע אויגן. אפֿשר געשלאָסן אַ רגע, אפֿשר לגמרי נישט געשלאָסן.

אויפֿגעריסענע אויגן. אפֿשר געשלאָסן אַ רגע. אויפֿגעריסענע אויגן. מוח־קורצשלוס. אַ צײַטרעדלעכע אָפּגעריסן פֿון איר אייביקייט־קייט האָט זיי אײַנגעשלונגען אין זיך און אַוועקגעקײַקלט מיט זיי צו דער פֿאַרלאָרענער אומבאַוווסטזיניקייט. אויף דער שוועל פֿון צוריקקום צום באַוווסטזיניקן אומבאַוווסטזײַן האָבן אויגן געקוקט מיט אומפֿאַרשטענדלעכקייט אויף די רויִקע טענדערטיילן. זיי האָבן זיך געטונקט אין דער צעבראָזטקייט פֿון גלאָז און נאָך אַלץ נישט באַנומען דעם מיין פֿון דעם שינוי. ווען מע זאָל זיי איצט פֿרעגן, וואָלטן זיי אפֿשר געקענט אָנרופֿן נעמען פֿון די זאַכן צו וועלכע די אויגן קוקן. נאָר דאָס וואָלטן געווען נעמען אָן אַ זינען.

גלילה איז די ערשטע צוריקגעקומען צו דער קלאָרער אומפֿאַרשטענדלעכקייט פֿון דעם געשעעניש. זי האָט די ערשטע אויסגעשריִען:

— האַרי, וואָס האָט פּאַסירט!?

ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צוצוקומען צו דעם צעריסענעם גוף פֿון פּעטער דערוויש. דער צאָרן פֿון צעשמעטערטן אײַזן האָט אים אין זיך אײַנגעשלונגען. אין דער בהלה האָבן זיי זיך דערמאָנט אין זשומאַנאַן, ווי זי וואָלט עקסיסטירט מחוץ דעם געשעענעם. זיי זענען געלאָפֿן צו דער צווייטער זײַט פֿון איבערגעקערטן טענדער. דאָס שטײַערראָד איז נישט געווען און אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך געעפֿנט אַ צוגאַנג צו זשומאַנאַס קערפּער.

צווישן צוויי יִדישע יִשובֿים זענען זיי געווען. האַרי האָט געטראָגן זשומאַנאַן אויף זײַנע אָרעמס און ער האָט נישט געוווסט צו וועלכן פֿון די צוויי יִשובֿים איז דער וועג נענטער. אפֿשר בעסער זי איבערלאָזן און לויפֿן רופֿן הילף? אפֿשר וואַרטן ביז עמעצער וועט פֿאַרבײַפֿאָרן און מיט איר אַוועק צו גיכער הילף. אין געמיש פֿון געדאַנקען האָט ער זיך דערמאָנט, אַז גלילה איז שוין געלאָפֿן אין דער צווייטער זײַט נאָך הילף. ס'איז נישט געווען קיין צייכן פֿון לעבן אין דעם גוף פֿון דעם מיידל. איטלעכע רגע קאָן איצט דעצידירן. ער האָט זי געטראָגן אויף זײַנע אָרעמס און זײַנע קניִען האָבן זיך געבראָכן אין זײַן געלויף. ווײַזט אויס אַז ער גופֿא איז פֿאַרוווּנדיקט. פֿון זײַן קאָפּ איז גערונען בלוט איבערן פּנים. זײַנע הענט זענען נישט געווען פֿרײַ אָפּצווישן דאָס בלוט וואָס איז גערונען איבער זײַנע אויגן. מיט אַ משונהדיקער קלאָרקייט האָבן מחשבֿות געוואָרפֿן בײַטנדיקע בילדער אין זײַן מוח. בילדער פֿון ווײַטע, פֿרעמדע געשעענישן אין זײַן לעבן. ער האָט זיי געזען קלאָר, בשעת זײַנע אויגן זענען אײַנגעשטאָכן אין וועג און אין וואָסער־טורעם וואָס צייכנט זיך אין הימל, ווײַט איבער די ביימערקרוינען. ער האָט נישט געזען די ערד אויף וועלכער ער אײַלט, קאָן זײַן אַז אין אַ רגע אַרום וועלן זײַנע פֿיס אַרויף אויף נאָך אַן אויפֿרײַס־באָמבע וואָס ליגט באַהאַלטן אויפֿן וועג.

„אויב דײַן ברודער אַטאַללאַ וועט זיך דאָ באַווײַזן מיט אויפֿרײַס־באָמבעס אין רוקזאַק אויף זײַנע פּלייצעס, צי וועסטו אים אויסבאַהאַלטן?” — ער האָט איצט נישט געהאַט קיין שליטה אויף דער צעשטורעמטקייט פֿון זײַנע מחשבֿות. ער קאָן זיי נישט

צוריקהאַלטן, ווי ער קאָן איצט נישט צוריקהאַלטן דעם לויף פֿון זײַנע שטרויכלענדיקע פֿיס. צו זײַנע אויערן זענען דערגאַנגען די שרײַענדיקע ווערטער פֿון זײַן מויל: צי וועט גלילה אים דערגרייכן פֿון הינטערווײַלעכץ מיט עפּעס אַ מאַשין, צי וועט ער לויפֿנדיק, פֿריִער דערגרייכן צו אַ ייִשובֿ?

פלוצעם האָט ער דערפֿילט אין דעם גוף וואָס ער טראָגט איצט, אַז עס איז זײַן אייגענער גוף. זײַנע אָרעמס האָבן זיך אָפּגעזונדערט פֿון זײַן גוף. ער האָט זיי נישט געפֿילט. פֿרעמדע. נישט זײַנע אָרעמס.

אַזוי, אויף זײַנע אָרעמס, האָט אים געטראָגן דער טאַנקיסט פֿון דער רויטער אַרמיי, ווען ער האָט אים געפֿונען אַ גוססדיקן אויפֿן שניי, אַן איבערגעבליבענער נאָכן טויטנמאַרש פֿון אוישוויץ. אַזוי, אויף זײַנע אָרעמס, האָט דער רויט־אַרמייער אים געטראָגן צום טאַנק און מיט אים אַוועק צו דעם דיוויזיע־שפּיטאָל.

איצט, צום ערשטן מאָל, האָבן זײַנע דעמאָלטיקע געפֿילן אָנגענומען פֿאָרעם און געשטאַלט. די געפֿילן וואָס זענען דעמאָלט אַראָפּגעזונקען אין זײַן אונטערבאַוווסטזײַן, האָבן איצט אויפֿגעוואַכט פֿאַר זײַנע אויגן. דאָס וואָס האָט דעמאָלט מיט אים פּאַסירט, בשעת זײַנע אויגן זענען געווען פֿאַרמאַכט, האָט ער איצט געזען קלאָר, מיט אָפֿענע אויגן. די איבערלעבונג פֿון דעמאָלט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין גוף וואָס ער טראָגט איצט אויף זײַנע אָרעמס, אָרעמס וואָס וואַקסן גאָר נישט פֿון זײַן אייגענעם גוף.

ער האָט געפֿילט אַז זײַן אייגענער גוף ווערט איצט געטראָגן אויף זײַנע אייגענע אָרעמס. די אָרעמס פֿון אַ נישט־געזעענעם מציל.

און ווי דעמאָלט, אַזוי אויך איצט, האָט דער מיזרח זיך אָנגעצונדן רויט מיט דער אויפֿגייענדיקער זון. נאָר דאָס מאָל, דער מיידלשער גוף אויף זײַנע אָרעמס, האָט מער נישט אין זיך קיין לעבן...